**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט ענדערונגען צו ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע סייבער-סעקיוריטי רעגולאציעס אלס טייל פון ברייטע אונטערנעמונג צו באשיצן ביזנעסער און קליענטן פון סייבער דראאונגען

***ענדערונגען צו ניו יארק'ס לאנד'ס-ערשטע סייבער-סעקיוריטי רעגולאציעס וועלן פארלאנגען נייע קאנטראלירונג מאסנאמען, פאדערן מער רעגלמעסיגע אונטערזוכונגען פאר סכנות, איבעראַרבעטן איינמעלדונג פארלאנגען צו פארשטעקרן באשיצונג פאר ניו יארקער***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס צוזאג צו פארשטערקערן סייבער-סעקיוריטי איבערער די סטעיט נאכפאלגנדיג דאס ארויסקומען פון ניו יארק'ס סאמע ערשטע סייבער-סעקיוריטי סטראטעגיע***

***געענדערטע רעגולאציעס פארעפנטליכט דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס האט געמאכט טוישונגען צו אירע לאנד'ס-פירנדע סייבער-סעקיוריטי רעגולאציעס כדי צו פארשטערקערן די קאנטראלירונג פון סייבער, פארקלענערן סכנות און באשיצן ניו יארק ביזנעסער און קליענטן פון סייבער דראאונגען. די געענדערטע רעגולאציעס בויען ארויף אויף די ברייטע השפעה וואס די אריגינעלע סייבער-סעקיוריטי רעגולאציעס האבן געהאט, אוועקשטעלנדיג די חידוש'דיגע סיסטעם וואס ווערט יעצט נאכגעמאכט דורך פעדעראלע און סטעיט פינאנציעלע רעגולאטארישע אויטאריטעטן כדי צו באשיצן קעגן סייבער דראאונגען, און אזוי אויך בויען די געענדערטע רעגולאציעס ארויף אויף די גאווערנער'ס ארומנעמיגע סטעיט-ברייטע אונטערנעמונג צו פארבעסערן שוץ מאסנאמען פאר ביזנעסער און קליענטן. א קאפיע פון די ענדגילטיגע אנגענומענע רעגולאציעס איז פארעפנטליכט אויף די DFS'ס וועבזייטל.

"ניו יארק איז שטענדיג געשטאנען אין שפיץ פון וועג ביים באשיצן ביזנעסער און קליענטן פון סכנות אויף די אינטערנעט, און מיט די ענדערונגען צו אונזערע לאנד'ס-פירנדע סייבער-סעקיוריטי רעגולאציעס, זעצן מיר פאר צו אוועקשטעלן די סטאנדארט פארן לאנד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "שטייענדיג נאכן ארויסקומען מיט די סטעיט'ס סאמע ערשטע סייבער-סעקיוריטי סטראטעגיע, נאכן פארשטערקערן די סטעיט געזעץ אינפארסירונג'ס סייבער מעגליכקייטן און נאכן אונטערשרייבן היסטארישע געזעצן צו באשיצן אונזער ענערגיע 'גריד' פון סייבער אטאקעס — נעמט זיך מיין אדמיניסטראציע מיטן פולן קראפט מיט א צוזאג צו זיכער מאכן אז פינאנציעלע אינסטיטוציעס האבן די שוץ מאסנאמען אין פלאץ צו באשיצן קריטישע אינפארמאציע פון זייערע קליענטן און היטן אויף די סטאביליטעט פון אונזער פינאנציעלע סיסטעם."

**ניו יארק סטעיט סופּעראינטענדענט פון די פינאנציעלע סערוויסעס דעפּארטמענט, עידריען א. העריס, האט געזאגט,** "די רעגולאציעס זעצן פאר די דעפּארטמענט'ס טראנספארמאטיווע צוגאנג –

באזירט אויף די באוויזן וואס קומען ארויס – צו סייבער-סעקיוריטי איבערזיכט. סייבער אטאקעס פארמערן זיך, און די ענדערונגען פארלאנגען פון די פינאנציעלע סערוויסעס אינדוסטריע צו איינפירן נאך שטערקערע סטאנדארטן און קאנטראלירונג מאסנאמען צו פארזיכערן סענסיטיווע אינפארמאציע. פארברייטערטע באנוץ מיט אויפגעוויזענע שוץ מאסנאמען, ווי פארלאנגען מער ווי איין שטאפל ביים פעסטשטעלן די אידענטיטעט, וועט זיך פארלאנגען בשעת'ן היטן אויף די בויגזאמקייט פון די היסטארישע סייבער-סעקיוריטי רעגולאציעס וואס ווענדן זיך אין די סכנה."

"די איבערגעארבעטע סייבער-סעקיוריטי רעגולאציעס פארשטערקערן ניו יארק'ס פירערשאפט אין קלוגע, עפעקטיווע סייבער פאליסי", **האט ניו יארק סטעיט טשיף סייבער אפיסער, קאלין אהערן, געזאגט.** "די נייע כללים בויען ארויף אויף אונזער צוגאנג וואס טוישט זיך לויט די שטאפל פון סכנה צו אריינבויען סייבער-סעקיוריטי צוזאמען מיט מער איבערזיכט; פעסטערע קאנטראלירונג פון צוטריט [צו אינפארמאציע] און אונטערזוכונגען [פון די מאסנאמען]; איבערגעארבעטע באריכטונג כללים אריינרעכנענדיג פאר רענסאמוועיר (קאמפיוטער ווירוסן וואס ווערן איינגעפלאנצט אין אויסטויש פאר געלט); און פאדערונגען צו טרענירן איינגעשטעלטע — די רעגולאציעס העכערן די סטאנדארט פון סייבער באפעסטיגונג. אפילו אין א צייט וואס סייבער דראאונגען ווערן מער און מער קאמפליצירט, זעצט ניו יארק פאר צו אהערשטעלן שעפערישע לייזונגען וועלכע פארזיכערן קריטישע סיסטעמען, היטן אויף אינפארמאציע און באשיצן קליענטן און ביזנעסער צוגלייך. איך אפלאדיר די גאווערנער און די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס פארן שטופן פאר די איינפלוסרייכע נייע סייבער סטאנדארטן."

די נייע כללים פארשטערקערן די צוגאנג פון די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס ( Department of Financial Services, DFS) וואס איז באזירט אויף די שטאפל פון סכנה כדי צו זיכער מאכן אז סייבער-סעקיוריטי ווערט אריינגענומען אין באטראכט אין די ביזנעס פלאנירונג, באשלוסן און אנגייענדע סכנות באהאנדלונג פון רעגולירטע קערפערשאפטן. וויכטיגע ענדערונגען אין די רעגולאציעס רעכענען אריין:

- פארשטערקערטע פאדערונגען פאר איבערזיכט;
- נאך קאנטראלירונג מאסנאמען צו פארמיידן לכתחילה אומאויטאריזירטע צוטריט צו אינפארמאציע סיסטעמען און צו פארמיידן אדער פארקלענערן די פארשפרייטונג פון אן אטאקע וואס האט זיך שוין אנגעהויבן;
- פאדערונגען פאר מער רעגלמעסיגע אונטערזוכונגען אריין אין די ריזיקעס און איינגעשטעלטקייט, און אזוי אויך בעסערע פלענער וויאזוי צו רעאגירן צו אן אינצידענט, אנגיין מיט ביזנעס און זיך ערהוילן פון א קאטאסטראפע;
- איבערגעארבעטע פאדערונגען איבער איינמעלדונגען, אריינרעכנענדיג א נייע פאדערונג צו באריכטן רענסאמוועיר באצאלונגען; און
- איבערגעארבעטע אנווייזונגען פאר פירמעס צו אינוועסטירן אין טרענירונג און סייבער-סעקיוריטי אויפמערקזאמקייט פראגראמען – כאטש איינמאל א יאר – וועלכע רישן זיך אויף אפנארונג אטאקעס און אנדערע סארטן דראאונגען וועלכע זענען נוגע צו זייער ביזנעס מאדעל און צו זייערע איינגעשטעלטע.

אלס טייל פון איר צוגאנג צו סייבער-סעקיוריטי וואס באזירט זיך אויף קראנטע אינפארמאציע האט די DFS דורכגעפירט באדייטנדע באמיאונגען צו באקומען אינפארמאציע דורך סייבער אסיפות און קאנפערענצן און דורכן רעדן מיט סטעיט, פעדעראלע און אינטערנאציאנאלע רעגולאטארישע אויטאריטעטן, מיט מומחים אין די אינדוסטריע און אנדערע מומחים אין די פעלד פון סייבער-סעקיוריטי. די אנגענומענע ענדערונגען האלטן די ביזנעסער און לייסענסירטע קערפערשאפטן וועלכע ווערן רעגולירט דורך די DFS פאראנטווארטליך צו איינפירן סייבער-סעקיוריטי שוץ מאסנאמען און צו

זיכער מאכן אז זיי האלטן אויף סייבער פארטיידיגונג מאסנאמען וועלכע פאסן זיך פאר זייער גרויסקייט, זייער סארט ביזנעס און די סארט אינפארמאציע וואס זיי האלטן ביי זיך, צווישן אנדערע זאכן וואס זענען נוגע צו געווען ווערן אין באטראכט — בשעת'ן פארזעצן צו פלעגן די וואוקס פון ניו יארק'ס פינאנציעלע סערוויסעס אינדוסטריע.

אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט זעצט ניו יארק פאר צו באשאפן די מוסטער פאר דעם גאנצן לאנד פאר קוגע און ווירקזאמע סייבער-סעקיוריטי פאליסיס. פריער דאס יאר האט די גאווערנער אנטפלעקט די סאמע ערשטע ניו יארק סטעיט סייבער-סעקיוריטי סטראטעגיע — אן ארומנעמיגע מאפע צו אויפבויען סייבער באפעסטיגונג אין יעדע ווינקל פון די סטעיט. גאווערנער האקול איז אויך ארויסגעקומען מיט א לאנד'ס-פירנדע סייבער-סעקיוריטי מיטגעטיילטע סערוויסעס פראגראם צו באשיצן קאונטי און לאקאלע רעגירונג קערפערשאפטן, דעקנדיג מער פון 65,000 קאמפיוטערס אין אייגנטום פון רעגירונגען אריבער די סטעיט און אזוי אויך האט זי אויסגעברייטערט די סטעיט'ס געזעץ אינפארסירונג סייבער מעגליכקייטן דורכן פארגרעסערן די קאמפיוטער פארברעכן איינהייט ( Computer Crimes Unit), סייבער אנאליזירונג איינהייט (Cyber Analysis Unit) און די אינטערנעט פארברעכן קעגן קינדער צענטער (Internet Crimes Against Children Center) אינערהאלב די ניו יארק סטעיט פאליציי. לעצטע יאר האט גאווערנער האקול אויך אונטערגעשריבן היסטארישע געזעצן צו באשיצן ניו יארק'ס ענערגיע 'גריד' פון סייבער אטאקעס. אזוי ווי סייבער דראאונגען אנטוויקלען זיך שנעלערהייט, בלייבט ניו יארק אויף די פראנט פון פארגעשריטענע סייבער-סעקיוריטי פאליסי, און זי זעצט פאר צו פארשטעקערן די שוץ מיטלען אריבער די רעגירונג און פריוואטע סעקטארן.

די DFS וועט אפהאלטן א סעריע פון וועבינארן צו גיבן אן איבערבליק איבער די געענדערטע סייבער-סעקיוריטי רעגולאציעס. איינצלהייטן זיך צו רעגיסטרירן פאר די טרענירונג פראגראמען און די סקעדזשול פאר רעגולירטע קערפערשאפטן צו אנהויבן אויספאלגן די נייע רעגולאציעס זענען פארעפנטליכט אויף די DFS'ס וועבזייטל.


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן